פאריז, מערץ, 1962




נומער זעקס

שפּילקעס

סאטירישער חודש זשורנאל דערשיינט מיט א רעגלמעסיקער פארשפעטיקונג   יעדן צווייטן ערשטן
רעדאקטאָר א. א. ליבערמאן

אָן א שפּיץ אין קאנפערענץ

אין חודש אדר האָבן בלויז המן-טאשן א רעכט צו זיין מיט שפּיצן





קענעדי: ער מיינט דאך נישט
די מגילה נאר דעם המן-טאש
ער ווייס אונז ארויפקריגן אויבן
כדי ער זאל האבן פונוואנען
אונז אראפצוווארפן

אן אינטערוויו מיטן גענעראל-סעקרעטאר פון טעאטער-קאמיטעט ל. לענעמאן

[illegible]

יאָ, דאס בין איך [illegible] [illegible] ווענט איך פאר [illegible] מיר ווכן איצט אביסל [illegible] ביתית

איך בין א ציטונגס־עפאָ[illegible] איך [illegible] אייסקונפט פאר די פאריזער שפיגלעס׳ וויפל מיטגלי[illegible] דער אין פאראַן אין אייער קאמיטעט?

— [illegible], אבער מיר האבן אז די [illegible] זיך פארטאפלען.

— פארטאפלען?

— געוויס. אונזער באשטרעבן איז אז דער גאנצער ישוב זאל אריין אין קאָמיטעט.

— איר גענסט פון סיביוענצן?

— וואסערע ? ממשותדיר [illegible], אָדער הבטחות ?

— וואס איז דער תירוץ ?

— פאר אונז איז ריבער הבטחות. ווייל גערט גייט אוועק און הבטחות בלייבן.

וואס זאגט איר פאר אזאן [illegible] [illegible] זאר [illegible] קומען [illegible] [illegible] דאס טעאטער ?

[illegible] מיר האבן קיינמאל [illegible] [illegible] טעאטער [illegible] אויך אויף [illegible] דאס מאכט [illegible] אין אזא פאל, ווי איר זאגט, האב [illegible] אייך אן עצה [illegible] פאנאנ[illegible] [illegible] די טרופע [illegible] און צו [illegible] שטעלן א טרופע מחברים, וואס [illegible] אריין רייענע, זייערע טעאטערס [illegible] באגרייס מיט מדמייטע באוועגונגען [illegible]

[illegible] זיינען איבער [illegible] [illegible] [illegible]

אוממעגלעך! איך [illegible] זיין דעם סוד נישט [illegible] [illegible] זיין איגנאנצן זיבער אז [illegible] ווערן ידיעון

רוסישע רעוועלאציעס וועגן קאסמאנאוט הערשל גלען

באלד נאכדעם [illegible] האט כאר קומען די [illegible] בשורה אז דזשאן הערשעל גלען איז ארויסגעפלויגן אין קאסמאס, האט ער זיך גלייך אנגעדויבן אינפארמירן וועגן דעם חברמאן ביי דער נ.ק.וו.ד וועלכע האט אים צו־געשטעלט דעם באשטעלטן ראפארט, אז דזשאן הערשעל גלען, הייסט נאר אויף זיין ריכטיקן נאמען הוד־העריש גלעקל־

ציער, אז ער איז א ציוניסט און א סאָוויעטישער בירגער פון מאסקווע. ס׳זאל אים האבן געראנגען צו אנטרינן פון דער ס נאגאנע, מיט דער הילף פון ישראל־דיפלאמאט יענקעלע ישרת וועלכער האט אים מיטגעגעבן א דיפלאמאטישע וואליזע מיט קמיאות, סידורים און מחזורים. זיין איינציקע צידה לדרך, איז געווען אן עקזעמפלאר פון ציטונג „טרוד" אין קעשענע.

ווען ניקיטא דאס דערהערט, האט ער געלאזט רופן גראמיקא און פאראָרדנט, ער זאל רעדאגירן א נאטע צו קענעדי מיט דער פאדערונג זאפארט צוריק צו רופן גלען פון חלל און אויס־ליפערן דער סאוויעטישער מאכט, ווו מען וועט זיך באמיען אז ער זאל לעבן ביזן פארצעם דאס וואס מען האט אים דארט אונטערגערוקט א פרוי מיט קינ־דער, כדי עס זאל הייסן „א יננט מיט א וואָרטציכן", מיט אזעלכע ושידאָווס־

[illegible] יוענ מען איגו רופן [illegible] אמעריקאנער גן א חוץ דעם, ווייסט די נאר־צע ווערט, אז עס האלט נאך נישט דער־ביי אז אן אמתער אמעריקאנער זאל זיך אזוי איינשטעלן ס׳לעבן. דאס קען נאר א רוס, אדער א ייד, וואס האט מיר ווי נישט וואס צו פארלירן

אין דער נאטע איז אויך פאראן אן אנדייט, אז דער פרי אין קאסמאס פון הערשל גלען, איז מער צוליב שפיאָ־נאזש־צוועקן ווי וויסנשאפטלעכע. דאס האט מען געטייטקט א מענטש זען צי עס איז אמת אז עס פריט א ספוטניק ארום דער וועלט [illegible] צווי מוטע רוסן. דאס הייסט פראסט און פשוט געגומען און געמישט זיך אין אינערלעכע ענינים פון א לאנד — און דאס האט נאך די העזה צו רעדן וועגן אנטוואפענונג !

פורימדיקס
א שמש פון א שול

דער שמש פון א שול איז מידיע, אז ער האט פארלוירן א מגילה מיט א פאדעמער און ער בעט דעם ערלעכן געפינער זיך צו עבענען מיט זייגע דער־ליגיעזע געפילן און אים צוזיקגעבן באמיש דעם פאדטעפל.

א חתן וואס שטאמט פון מרדכי הצדיק

איך זוך צו באקענען מיט א מיידל ביז 21 יאר, פון א רעליגיעזער היים די פארב איז נישט וויכטיק, נאר זיין א יתומה. דער צוועק איז . הייראט אוים ריינער ליבע. אויב זי האט נישט קיין נעיב ווועט גאָט יעט ווערן פון ישי־רך. איך אליין שטאם פון גרויסן יחוס, אזש פון מרדכי הצדיק.

א פעטיציע וועגן זאמי פעדער

די רעדאקציע „פאריזער שפיגלעס" האט באקומען פאלגנדע פעטיציע צום פארעפנטלעכן :

, מיר אונטערגעשריבענע 700 אנ־טיילנעמער אויפן געזעגנונגס־אָוונט לכבוד דעם רעזשיסאר און דראמא־טורג זאמי פעדער, צו זיין עולה זיין קיין ישראל שיקן אים א פענטער־כע ווענדונג, אז ער זאל נישט אק־צעפטירן קיין שום אנדערע אבשייד־פייערונגען. ווייל נאכאמאל אוים־רעדן [illegible] רעדנער האבן מיר שוין נישט קיין כח".

Dir de la Publ
A A LIBERMAN
20, Allee des Bouvreuils a Drancy
(Seine)
Tel AViation 18-89

IMP 40, rue des Jeûneurs Paris-2e

ווידוי פון א יידישן פּלאַסטיקער

(אָנגעשריבן פון אים אליין)

ווי איר ווייסט [illegible] איך אײַך א פּלאַסטיר[illegible] א „יידישער פּלאַסטיקער". [illegible] שוין ברוך השם עמאַנציפּירט און האָבן א רעכט צו זײַן די זעלבע גנבים (?) וואָס אַנדערע ציטערט נישט אַזוי. מאַנסיע, און רוקט אײַך נישט אַוועק פון מיר, האָט קיין מורא, עס איז הײַנט שבת טאָג איך גיי נישט בײַ זיך קיין באָמבעס.

וועט איר פרעגן, וועמען דאַרף א יידישער פּלאַסטיקער בדעה אונטערצוּוואַרפן א באָמבע? פאַרזיכער איך אײַך, אז עס פעלט נישט אין פּאַריז קיין אינסטיטוציעס וואָס זענען שוין לאַנג „רייף" צו ווערן אויפגעריסן. אָבער דערווײַל האָב איך נאָך נישט געהאַט בדעה אויפצורייסן קיין אינסטיטוציעס. איך האָב פריער געוואָלט אויפרײַסן די יידישע צײַטונגען (נישט דעם „שטריקער־פאַבריקאַנט") און טאַקע אָנהויבן בײַ „אונזער וואָרט" — נישט חלילה דערפאַר וואָס זי דערשײַנט ערב שבת, נאָר דערפאַר וואָס זי האָט אָנגעפאַנגען צו דרוקן א ראָמאַן פון שלום אש „ערב ירושלים". דאָס וואָרט „ערב השלום" האָט מיך אַרויסגעפירט פון די כלים פונקט אַזוי ווי מײַן פײַנט „אידעעס" פון „אונזער שטימע" — און בין אַוועק אונטערלייגן א פּלאַסטיקבאָמבע.

אָבער קומענדיק אויף ביוראָ ערזעוויר, ווו ס'געפינט זיך די דרוקערײַ, דערזעענדיק דעם פרעכטיקן בנין, האָט עס מיך פּינקט פאַרדרעמט בײַם האַרץ. אַזאַ שיינע זאַך זאָל [illegible] איז אן עבירה פאַר גאָט [illegible] און בין אַוועק מיט מײַן באָמבע [illegible] נישט ווײַט אַוועק איך בין צוגעגאַנגען ביז די [illegible] דיגאַן דיוואַר אויפרײַסן „אונזער שטימע". ווער דאַרף אַזאַ צײַטונג וואָס דרוקט מאמרים וועגן נאַציפרייע וואָס [illegible] יונגערווײַז וועלכער פרייען, עס [illegible] ערב הימפּעט (זע „אונזער שטימע" [illegible] [illegible] פון דאַרף אויף א רעגן־צעפּט")

איך בין אַרײַן אין רעדאַקציע פון דער אײַנגעטימאַנגער צײַטונג מיט א באָמבע אין האַנט און [illegible] דעם רעדאַקטאָר קאַנפער זיצן בײַם שרײַבטיש אײַנגעדרימלט [illegible] א מאַנגער מיט א פרייען [illegible] די אויגן [illegible] [illegible] האָט מיר [illegible] [illegible] פאַרטיפן [illegible] [illegible]

צים אויסגעקומען אַזאַ גרויס רחמנות אז איך האָב שוין [illegible] געוואָלט וואַרפן די באָמבע אויפן שרײַבטיש — [illegible] איז ער גאָר נישט געזעסן אין רעדאַקציע.

בין איך אַוועק מיט דער באָמבע אויף א זיבעט אָרט, צו די „ניע פּרעסע". איך האָב באַשלאָסן, אז איך וועל וואַרפן די באָמבע באַלד אין קאָרידאָר פון דער רעדאַקציע און וועל אַנטלויפן. אָבער אײַנקומענדיק אין קאָרידאָר, איז מיר דער בעם אַביסל אַרויף. דערזעענדיק סטאַרינס א פּאָרטרעט זיך א־רומוואַלגערן אויף דער ערד. אײַב אַזוי זענען [illegible] שוין אָפּגעוואָרן בערי תשובה אין האָב זיך געראָזט גיין ווײַטער ביז אין רעדאַקציע.

מײַן גרעסטער ווּנטש איז געווען דאָס באַווײַזן דעם רעדאַקטאָר, אז איך בין נישט געקומען מיט לײדיקע הענט. אז אט האָט איך גרייט די פּלאַסטיקבאָמבע און באַפוילן מען זאָל מיר אויפמאַכן די קאַסע מיט די נאַר־וואָס אײַנקאַסירטע [illegible] פון דער אַקציע „איך האָב זאָג איך אים, וויכטיקערע צוועקן אויף [illegible] ווי אײַערע [illegible]".

אפילו דער רעדאַקטאָר האָט באַרד דערקענט אַז ס'איז אן עבירה יערעם וואָרט דאָס ער אויפגעמאַכט די קאַסע און איך האָב דערזען ברויז [illegible] פראַנק [illegible] זענען די [illegible] מיר אין [illegible] איך צו אים (?)

„ניישט מער [illegible] פאַרזיכערט מיר [illegible] מיט [illegible] פּריבאַטיקייט, אז [illegible] א יעדער אויך [illegible] די אַרבעט האָט נישט אַרויסגעבראַכט [illegible] בין [illegible] נײַע פראַנקן [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אויסגעדרוקט די רעגל [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אײַב אַזוי איז דאָך באַר אײַך אפילו א גאַנצע באָמבע ראַייע צו מאַכן [illegible] [illegible] א שאַר די באָמבע

[illegible]

פּלאַסטיקבאָמבע, זי איז געבליבן בײַ מיר (דערציילט נישט וועגן דעם רעדאַקציע) איך האָב דעם „קיום" גייענט און פגעריסן מײַן פריינדס זכרון האָט מיך אָבגעערט דערפון — „מיט דײַן אויפרײַסן א „פײַנגלעבן" זשורנאַל וועסטו אים בלויז דערמיט א טובה טאָן, היות די רעגירונג צאָלט צוריק אום די היזקות און קורלאַנד קען נאָך דערבײַ ווערן אן עושר, ער קען באַקומען אַזויפיל געלט, אז ער וועט פאַרזיכערן דאָס אַרויסגעבן דעם „קיום" אויף צענדליקער יאָרן — און אַזוי איז פאַרטפאַראַן א האָפענונג, אז די פעדעראַציע־קריזע וועט אים אָפּשטעלן די סובווענציע"...

בײַ א פרוי איז טאַקע פאַראַן מער יאָגיק ווי בײַ א מאַן.

איציקל טעראָריסט

שמחות בײַ יידן

עס שאַפט זיך א יובל־קאָמיטעט צו פײַערן דעם 1־טן יאָרטאָג וואָס מרגלית זיצט אין תפיסה. במשך פון דעם יאָר איז די קאַסע פון קרן היסוד שטאַרק באַרײַכערט געוואָרן.

★

מען זעט פאַר דאָס שאַפן פון א יובל־קאָמיטעט אויף פײַערן דעם צענטן יאָרטאָג זינט דערשײַנען פון אברהם רײַדס בוך „דער אמת וועגן [illegible]".

★

א נאַר באַזונדערן אינטערעס האָט אַרויסגערופן דער פּראָיעקט פון פײַערן דעם [illegible] יאָרטאָג זינט [illegible] קאַנגרעס [illegible] האָט זיך צום [illegible], מאַר א [illegible] אויף א מאַטאַציר

★

א [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

ויהי בימי ניקיטא בן המדתא

אַפּיציעלער באַשולדיקונגס - אַקט קעגן די אַרעסטירטע יידן אין מאָסקווע

דעם קאָרעספּאָנדענט פון די „פּאַריזער שפּילקעס" אין מאָסקווע איז ענדלעך געלונגען צו באַקומען דעם אינהאַלט פון באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די אַרעסטירטע רעליגיעזע יידן :

1) דער שפּיאָן פון נ.ק.וו.ד. האָט דערזען ווי יידן אין דער סינאַגאָגע זענען געשטאַנען ביי שמונה עשרה. דאָס איז אַן אָפענע פּראָוואָקאַציע כדי צו באַווייזן, אַז יידן זענען קעגנער פון זיצן...

2) ביים דוכענען האָבן די מתפּללים זיך פאַרדעקט די געזיכטער כדי מען זאָל נישט זען ווי זיי גיבן איבער געהיימע צייכנס קיין אויסלאַנד, דורך דער פאַרמיטלונג פון ישראל־אַמבאַסאַדאָר.

3) זיי פאַסטן אסתר תענית, כדי צו באַווייזן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, אַז אין רוסלאַנד איז נישטאָ וואָס צו עסן.

4) ערב יום כיפור האָבן זיי געשלאָגן כפּרות מיט סאָוויעטישע הינער, כדי צו סאַבאָטירן די צוגעזאָגט אייער אויף 1980 און צו דערצו האָבן זיי נאָך גערעדט צו די הינער אויף דער העברעאיש־ציוניסטישער שפּראַך.

5) זיי האָבן זיך געמאַכט אַ מינהג אויסצושפּייען ביי „עלינו" ביז די נח וו ה. האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס שפּייט מען אויף איר, האָבן זיי מורא באַקומען, אָבער מען ווייסט וואָס זיי טראַכטן דאַווענען.

6) אין דעם קערער פּ ן איינעם פון די אַנגעקלאַגטע האָט מען אַנטדעקט אַ געהיימע פאַבריק פון חרוסת

7) זיי האָבן געפּייערט טונקעלע נאַכטס מיט אליהו הנביא, וועלכער האָט בעת די סדר־נאַכט צונויפגעזאַמלט ביי זיי דעם ווײַן און אַוועקגעפירט מיט אים קיין אויסלאַנד. ער האָט זיין בוידע אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע פון מאָסקווע

ח קאַפּלאַן

דו זאָלסט נישט האָבן קיין שום עסקים מיט יענע ווילדע חיות!

(קלישע „אויסגעבאַרנט" אין „לעצטע נייעס" (תל אביב)

קורץ און נישט שאַרף

ווען אַ געוויסן יידישן זשורנאַליסט, וואָס האָט זיך פאַר אַ סאָציאַליסט, זאָגט מען נאָר אַז ער איז אַן אָ. אַ. ס. (אויכמיר אַ סאָציאַליסט).

⁂

„נחען 64" : יש אומרים, אַז גלען וועט אַויסשטעלן זיין קאַנדידאַטור צו די פּרעזידענטן־וואַלן אין יאָר 1964.

Ce n'est point de l'espace que je dois chercher ma dignité.
(PASCAL)

⁂

דער ישראל־געזעץ קעגן לשון הרע, האָט מינסטנס געטראָפן די יידישע שרייבער, ווייל קיינער פּאַטענטירט נישט אַ חוץ די שרייבער און זשורנאַליסטן

⁂

ברושטשעוו דראָט : אין 1980 וועט יעדער רוסישער בירגער האָבן איין איי...
איי־איי־איי!!

⁂

דער שיכורער פּורים־רב פון בעלץ : משנכנס פורים מרבים באדר, היק ! דערפאַר האָבן מיר דאָס יאָר אַן אדר מיט אַ „ווײ"... היק! ווייל אַז משנכנס שמחה... אוי, ווי, איך ווייס שוין גאָר נישט וווּ איך האַלט... היק!

פאַר וועמען ס'איז אַ גאַנץ יאָר פּורים

מען קען שוין היינט זאָגן מיט פולער איבערצייגונג, אַז עס קומט נישט פאָר אין פּאַריז קיין איין געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג אויף וועלכער אונזער ד"ר קורלאַנד זאָל נישט האַלטן אַ רעדע.

גיט מען טאַקע איצט איבער מפּה לפּה וועגן פאַרדריסלעכע אינצידענטן וואָס קומען אַרום צוליב דעם.

בעת איינער פון זיינע רעדעס אויף אַ סאָסיעטע־פאַרזאַמלונג, האָט ד"ר קורלאַנד אויסגערופן : „אייער בענדינער סאָסיעטע איז די סימפּאַטישסטע אין פּאַריז".

דאָמאַנקעוויטש רוימט אים איין אין אויער : „איר זייט אייך טועה, ס'איז נישט בענדינער, נאָר טשענטשאָכינער סאָסיעטע".

נאָך דער פאַרזאַמלונג זאָגט דער פּרעזידענט צו ד"ר קורלאַנד : „אַ צווייטן מאָל מעגט איר פאַרגעהעניקען אַז אונזער סאָסיעטע רופט זיך די „אָזער־קאָוווער־סאָסיעטע".